נח תשפ"ה
גליון 211

# דעם רבי'נס ליכט



אַייעֶרעֶ קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## ארויס אדער אריין?

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה דֶערְצֵיילְט מֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן נֹחַ. מְ׳דַארְף וִויסְן אַז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען נָאר אִין יֶעדֶע וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לִיגְט גְרוֹיסֶע אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע טִיפֶע סוֹדוֹת, אוּן מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא.

דָאס וָוארְט "תּוֹרָה" אִיז פוּן דִי לָשׁוֹן "הוֹרָאָה". עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן. בִּפְרַט אִין דִי פְּסוּקִים וואוּ דִי תּוֹרָה זָאגְט נִישְׁט אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ דִי מִצְווֹת נָאר דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן גָאר טִיפֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אִין יֶעדֶע אוֹת.

מִיט סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא וֶועלְן מִיר זֶען וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיס לֶערְנֶען פוּן פַּרְשַׁת נֹחַ הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, לוֹיט דִי הֵיילִיגֶע הַקְדָּמוֹת וָואס מִיר הָאבְן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס רוּפְט זִיךְ קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ (סִימָן ו׳) דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַלֶע מַצָּבִים סַיי וֶוען סְ׳גֵייט אִים גְרִינְג; וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיף מַדְרֵגוֹת, אִין דֶעם רֶבִּי'נְס שְׁפְּרַאךְ וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן "בָּקִי בְּרָצוֹא" דָאס מֵיינְט לוֹיפְן פָארְאוֹיס, אוּן סַיי וֶוען סְ׳גֵייט אִים שְׁוֶוער; עֶר גֵייט אַרָאפּ מַדְרֵגוֹת, וָואס דֶער רֶבִּי רוּפְט דָאס אָן "בָּקִי בְּשׁוֹב" וָואס דָאס מֵיינְט גֵיין אוֹיף צוּרִיק צוּוֶועגְס.

רַבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר וִוי אַזוֹי דִי לִמּוּדִים פוּן פַּרְשַׁת נֹחַ אִיז נוֹגֵעַ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז. עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַ זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן פוּן נָאךְ הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז דִי וָוארְט "תֵּיבָה" הָאט צְוֵויי טַייטְשְׁן, עֶס קֶען מֵיינֶען דִי שִׁיף פוּן נֹחַ אוּן עֶס קֶען מֵיינֶען "אַ וָוארְט", דָאס מֵיינְט דִי "וֶוערְטֶער" פוּן דַאוֶוענֶען. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר נֹחַ בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה דוּ אוּן דַיין הוֹיזְגֶעזוּנְד זָאלְן אַרַיין אִין דִי תֵּיבָה, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי בְּחִינָה פוּן "בָּקִי בְּרָצוֹא" צוּ אַרַיינְגֵיין אִין דִי תֵּיבָה וָואס דָאס מֵיינְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען. שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעהֵייסְן צֵא מִן הַתֵּיבָה אַתָּה וְאִשְׁתְּךָ וְכוּ׳ כָּל הַחַיָּה וְכָל הָרֶמֶשׂ הוֹצֵא גֵיי אַרוֹיס פוּן דִי תֵּיבָה דוּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶע חַיּוֹת וְכוּ׳ זָאגְט רַשִׁ"י אוֹיף דִי וָוארְט "הוֹצֵא" אַז מֶען לֵיינְט דָאס "הַיְצֵא" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר נֹחַ, טָאמֶער זֵיי ווִילְן נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי תֵּיבָה נֶעם זֵיי דוּ אַרוֹיס, ווַייל דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶער עִנְיָן פוּן "בָּקִי בְּשׁוֹב".

יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז וָואלְט גֶעוָואלְט אַ גַאנְצְן טָאג זִיצְן אִין שׁוּל אָדֶער אִין חֵדֶר אוּן נָאר דִינֶען דֶעם

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

אײבּערְשְׁטְן דאָרְט, אָן קַיין נִסְיוֹנוֹת פון די גאס און אָן קַיין שְׁוועריקַייטְן, צום בּײשְׁפּיל אַ אינגל מאַכְט אָפּ בַּיי זיךְ אַז פון הַיינְט אָן גייט ער דַאווענֶען מיט גרויס כַּוָּונָה און גרויס הִתְלַהֲבוּת, אָדֶער לְמָשָׁל ער גייט אוֹיפְשְׁטֵיין זֵייעֶר פְּרִי און זיךְ גְרֵייטְן צום דאַווענֶען, אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער זֶעט ער אַז זַיין פְּלַאן איז זיךְ צוּרִירְן און ער איז בַּיי זיךְ אינְגַאנְצְן אַרָאפּ גֶעפַאלְן, דַארְף ער זיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן און דֶערְהַאלְטְן און טוּן וָואס ער קֶען און חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, און דָאס מֵיינְט "בָּקִי בְּשׁוּב" ווִי אוֹיךְ וֶוען אַ קִינְד איז עוֹסֵק בְּדִבְרֵי הָרְשׁוּת וֶוען ער גייט לְמָשָׁל עֶסְן אָדֶער זיךְ שְׁפִּילְן אָדֶער אין גֶעשֶׁעפְט, דַארְף ער ווִיסְן אַז דָאס מֵיינְט אוֹיכֶעט דִינֶען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן. (הִלְכוֹת שַׁבָּת ז' אוֹת ס"ט ע')

דער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה בִּשְׁלֵמוּת און מִיר זָאלְן זַיין בָּקִי בְּרָצוֹא און בָּקִי בְּשׁוּב און דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין די גְאוּלָּה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב.

---

# איין אמשהלא



מ. ש. דערְצֵיילְט זַיין אִיבֶּערְלֶעבֶּעניש ווִי אַזוֹי ער איז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן דֶעם עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

"וָואס?! דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט קַיין טִיקֶעט קַיין אוּמַאן?"

די שְׁאֵלוֹת זֶענֶען גֶעפְלוֹיגְן צוּ מִיר פון אַלֶע רִיכְטוּנְגֶען. וואוּ אִימֶער אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעקֶערְט אין יֶענֶע טֶעג, צְוֵויי וָואכְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט מֶען מִיר גֶעפְרֶעגְט אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט, פָאַרְגֶעוָוארְפְן פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ זיךְ נָאכְנִישְׁט מְסַדֵּר גֶעוֶוען מִיט אַ טִיקֶעט צוּ פְלִיעֶן צום רֶבִּי'ן.

אַלֶע הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ בִּין אַ פַארְשְׁלֶעפְּטֶער אָדֶער וֵוייסֶעדְ-וָואס, אֶפְשַׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט אַזַא חָסִיד אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט עֶרְלֶעדִיגְט קַיין טִיקֶעט, אָבֶּער וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט איז אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין פֶּעסְט טֶעטִיג פון לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט מַיינֶע הֲכָנוֹת צוּ פָאַרְן צום רֶבִּי'ן, טַאקֶע נִישְׁט מִיט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ טִיקֶעט אָבֶּער מִיט אַ פֶּעקְל תְּפִלּוֹת צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם צום רֶבִּי'ן אין צַייט. דער עִיקָר וָואס הָאט מִיר אָפְּגֶעהַאלְטְן צוּ אֵיינְהַאנְדְלְן אַ טִיקֶעט איז נִישְׁט צוּ קוֹיפְן אוֹיף חוֹבוֹת.

פַאר לַאנְגֶע וָואכְן הָאבְּן מִיר אין שְׁטוּבּ עוֹסֵק גֶעוֶוען בִּתְפִלָּה פַארְן רֶבִּינ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מִיר הָאבְּן גֶעבֶּעטְן און מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר דֶעם. מַיין פְּרוֹי און אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעדַאווְנְט און גֶעבֶּעטְן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט פֶּעסְטֶע רִקוּדִים און מַמְתִּיק גֶעוֶוען דִּינִים הָאפֶנְדִיג בְּקָרוֹב אוֹיף אַ יְשׁוּעָה.

מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז אַ טִיקֶעט צוּ פָאַרְן קַיין אוּמַאן איז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגְ זַאךְ אָבֶּער אִיבֶּער אַלֶעם דַארְף מֶען בֶּעטְן אַז די טִיקֶעט זָאל טַאקֶע צוּנִיץ קוּמֶען ווַייל אוֹיבּ דֶער טִיקֶעט ווֶערְט בָּטֵל קֶען מֶען צום רֶבִּי'ן נִישְׁט אָנְקוּמֶען. אַזוֹי ווִי מִיר

הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אַלֵיין אִיבֶּערְצֵייגְט.

לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט גֶעשְׁטִיגְן מִיט וָואס אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער. סְ'אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען וֵוייניִגֶער וִוי צְוֵויי וָואכְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דִי שְׁמוּעוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵייט פוּן מוֹיל צוּ אוֹיעֶר זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע פְרֵיילִיכֶע. מֶען הָאט שְׁוַוארְץ גֶעזָאגְט אַז דָאס יָאר וֶועט מֶען אֶפְשָׁר נִישְׁט קֶענֶען פָארְן. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ גֶעשַׁאפְט צְוֵויי אָדֶער דְרַיי טִיקֶעטְס אוּן דָא שְׁטֵיי אִיךְ וִוי אַ נַאר אוֹיפְ'ן מַארְק אָן קֵיין אֵיין טִיקֶעט צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר מִיט אַ בַּארְג תְּפִלּוֹת.

מַיין טַאטֶע אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַבִּיסְל צֶעשְׁפִּילְט פוּן מַיין פַארְשְׁלֶעפְּטְקַייט. גֶעוֶוענְלִיךְ פָארְן מִיר אַלֶע בְּרִידֶער מִיטְן טַאטֶען אִינְאֵיינֶעם. אַלֶע הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט טִיקֶעטְס נָאר אֵיין בְּרוּדֶער אוּן אִיךְ זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט אִין זַייט.

דִינְסְטָאג, אַ וָואךְ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ כַאפְּן הֶענְט אוּן פִּיס אוּן זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן לַאנְד אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אוּמַאן קְלִינְגְט מִיר אָן אַ חָבֵר אַז עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט צְוֵויי טִיקֶעטְס בַּיי צְוֵויי קָאמְפַּאנִיס, אֵיין טִיקֶעט פַאר זִיךְ אוּן אֵיינְס פַאר זַיין זוּן, דָאס מֵיינְט פִיר טִיקֶעטְס אוּן עֶר קֶען מִיר אַוֶועקְגֶעבְּן דִי צְוֵויי טִיקֶעטְס וָואס עֶר הָאט בַּיי 'וִויז עֶרְלַיינְס'.

"אִיךְ וֵייס נִישְׁט וִויפִיל סְ'אִיז וֶוערְד," זָאגְט עֶר מִיר. "וִויז הָאט מְבַטֵל גֶעוֶוען הַיינְט דִינְסְטָאג זֵייעֶרֶע פְלִיגֶערְס אוּן דִי טִיקֶעטְס זֶענֶען בַּאשְׁטִימְט אוֹיף דָאנֶערְשְׁטָאג. קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן דַיין מַזָל," זָאגְט עֶר מִיר.

אָקֶעי, קוֹדֶם עֶפֶּעס אַ טִיקֶעט אִין הַאנְט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הֶאָרָה וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט. אַצִינְד זֶענֶען מַיינֶע תְּפִלּוֹת גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט דַאנְק אוּן לוֹיבּ צוּם בַּאשֶׁעפֶער. מֶען הָאט נָאךְ גֶעדַארְפְט גְרוֹיס רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַז דִי טִיקֶעט זָאל עֶפֶּעס וֶוערְד זַיין.

דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז מַיין טַאטֶע אוּן בְּרִידֶער הָאבְּן גֶעהַאט אַ טִיקֶעט אוֹיף מִיטְוָואךְ נַאכְט [אוֹיךְ דֶער אִיד וָואס הָאט אוּנְז אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דִי וִויז טִיקֶעטְס הָאט גֶעזָאלְט זַיין אוֹיף דֶעם פְלִיגֶער]. נָאכְ'ן זִיצְן אִין עֶירְפָּארְט פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה הָאט מֶען זֵיי אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם צוּרִיק צוּם אֵייגֶענֶעם שְׁטוּבּ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער פְלִיגֶער אִיז גֶעוָוארְן בָּטֵל. אָבֶער בְּדֶרֶךְ נֵס הָאט זֵיי דֶער טְרֶעוְול אַגֶענְט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ מַאכְן נַייעֶ טִיקֶעטְס אוֹיף דָאנֶערְשְׁטָאג אִינְדֶערְפְרִי, אוּן אוֹיף וֶועלְכֶע פְלִיגֶער מֵיינְט אִיר זֶענֶען זֵיי אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט גֶעוָוארְן? אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְלִיגֶער וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ טִיקֶעט בַּאקוּמֶען פוּן יֶענֶעם גוּטְהַארְצִיגְן אִיד!

מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן אַלֶע צוּזַאמֶען וַוייל אוֹיךְ יֶענֶער בְּרוּדֶער וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין טִיקֶעט הָאט אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אֵיינֶעם אַ טִיקֶעט. אִין אַ מַזָלְ'דִיגֶע שָׁעָה זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

דֶער שַׁבָּת אִיז אַרִיבֶּער אִין אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶעם שְׁטִימוּנְג וֶוען מִיר זֶענֶען זֵייעֶר מִתְפַּלֵל בַּיים רֶבִּי'ן אַז אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן זָאלְן זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן בַּאצַייטְנְס.

לְמַעֲשֶׂה, דֶער אִיד וָואס הָאט מִיר אַוֶועקְגֶעשֶׁענְקְט דִי צְוֵויי טִיקֶעטְס וַוייל עֶר הָאט גֶעפְּלַאנְט צוּ פָארְן מִיטְוָואךְ מִיט דִי זֶעלְבֶּע קָאמְפַּאנִי וָואס מַיין טַאטֶע הָאט גֶעדַארְפְט פָארְן, אִיז לַיידֶער גֶעבְּלִיבְּן

שְׁטֶעקְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וַוייל ווי דֶערמַאנְט אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן דֶער פְלִיגֶער, אוּן דִי וִויז טִיקֶעטְס פוּן דָאנֶערְשְׁטָאג הָאט עֶר מִיר גֶערְן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן צְוֵויי טֶעג בֶּעפָאר.

נָאךְ שַׁבָּת זֶענֶען דִי נַייֶעס אַרַיינְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶריגֶע. פְלִיגֶערְס אֵיינְס נָאכ'ן צְוֵוייטְן זֶענֶען גֶעקֶענְסְלְט גֶעוָוארְן. בְּרֶסְלֶב'ע חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶערִיסְן צוּ בַּאקוּמֶען אַ טִיקֶעט אַרוֹיסְצוּפָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. מֶען הָאט זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אִיבֶּער דִי וֶועגְן אִין שְׁטֶעגְן מִיט גְרוֹיס מִי אוּן פְּלָאג.

מֶער פוּן אַלֶע אִידְן דָארְט אִין אוּמַאן בִּין אִיךְ בַּאזָארְגְט גֶעוֶוען פַאר מַיין חָבֵר אוּן זַיין בָּחוּר - וֶועלְכֶער הָאט מִיר גֶעשֶׁענְקְט דִי טִיקֶעטְס אַז זֵיי זָאלְן אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם. דֶעם גַאנְצְן מָאנְטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעקוּקְט פוּן אַלֶע זַייטְן, בַּאטְרַאכְט יֶעדֶער נַייעֶר גֶעקוּמֶענֶער אוֹיבּ אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶעם אִיד, אָבֶּער נֵיין. לַיידֶער הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען בְּשָׁלוֹם. אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן מִיט תְּפִלּוֹת אוּן בְּכִיּוֹת אַז דֶער אִיד זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִין זְכוּת פוּן דֶער חֶסֶד וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן צוּ מִיר זָאל עֶר שׁוֹין אִינגִיכְן אָנְקוּמֶען אַהֶער.

דִינְסְטָאג אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען אוּן דֶער טַייעֶרֶער אִיד אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁטָא. אִיךְ הָאבּ מִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט בַּיי דֶעם אוּן יֶענֶעם אוֹיבּ אֵיינֶער וֵוייסְט זַיין מַצָּב אוּן וואוּ אַהִין עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט צוּ זָאגְן פוּן אִים. פוּן וואוּ טַאקֶע זָאל מֶען וִויסְן? אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען בִּיז אִיבֶּערְן קָאפּ מִיט זַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע טִלְטוּל הַדֶּרֶךְ.

מִיטְוָואךְ אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ שׁוֹין מַמָּשׁ בַּאזָארְגְט גֶעוֶוען. דֶער אִיד אִיז נָאכְנִישְׁט דָא.

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, בִּיטֶע... וואוּ אִיז דֶער אִיד?! הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז עֶר זָאל אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם נָאךְ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין מְנוּחָה. עֶס הָאט מִיר אַזוֹי גֶעאַרְט אַז דֶער אִיד וָואס הָאט מִיר אַזוֹי גֶערְן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן צְוֵויי טִיקֶעטְס זָאל נִישְׁט זַיין דָא בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

ס'אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאךְ חֲצוֹת עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעגְרֵייט צוּם יוֹם טוֹב מִיט גְרוֹיס קְלֶעמֶענִישׁ. פוּן אַלֶע זַייטְן הָאט מֶען כְּסֵדֶר גֶעזֶען נָאךְ אוּן נָאךְ גְרוּפֶּעס אִידְן אָנְקוּמֶען מִיט דִי נְשָׁמָה אִין דִי הֶענְט אָבֶּער מַיין אִיד וֶועמֶען אִיךְ זוּךְ אַזוֹי אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁטָא. אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אַז יֶענֶער זָאל שׁוֹין אָנְקוּמֶען.

ס'אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ שָׁעָה פַארְן זְמַן. אִיךְ בִּין אַרָאפּ צוּם צִיּוּן מִיט אַ שְׁוֶוער גֶעמִיט. אִיז נָאךְ מֶעגְלִיךְ אַ דֶער אִיד זָאל נָאךְ אָנְקוּמֶען פַאר יוֹם טוֹב? נָאךְ אַ שָׁעָה אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה!

בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַלְץ מֶעגְלִיךְ. אִיךְ גֵיי אִין גַאס פַארְזִינְקֶען אִין מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת וֶוען אִיךְ זֶע פוּנְדֶערְוַוייטְנְס אַ גְרוּפֶּע אִידְן טַאנְצְן אַרוֹיס פוּן אַ קַאר מִיט פֶּעק אוּן זֶעק, פַארְסַאפֶּעט אוּן פַארְפְּלָאגְט. אִיךְ גֶעבּ אַ נָאנְטֶערְן בְּלִיק אוּן אִיךְ פַאל שִׁיעוּר אִין חַלָּשׁוּת. יָא, אִיר הָאט גוּט צוּגֶעטְרָאפְן, מַיין אִיד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין בָּחוּר!!!!

ס'אִיז שְׁוֶוער אָפְּצוּמָאלְן אוּנְזֶער הִתְרַגְשׁוּת בַּיים זִיךְ בַּאגֶעגֶענֶען. מִיר בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְרַאשְׁט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן אִין אוּמַאן אִינְאֵיינֶעם בַּיים רֶבִּי'ן.

דֶער אִיד הָאט גֶעזָאלְט פָארְן זוּנְטָאג אָבֶּער זַיין טִיקֶעט אִיז גֶעקֶענְסְלְט גֶעוָוארְן אוּן הָאט גֶעמוּזְט שַׁאפְן אַ נַייעֶ טִיקֶעט. דְרַיי טֶעג הָאט עֶר זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אִיבֶּער דִי וֶועגְן אוּן שְׁטֶעגְן בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן!



# גֶעראַטֶעוֶועט פון אַ זִיכֶערן טויט.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח אִיז גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן אִין שְׁטָאט צְפַת, דָאס לֶעכְטִיג קִינְד שְׁמוּאֵל, שְׁפֶּעטֶער בַּאוואוּסְט אַלְס ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ זי"ע.

ר' שְׁמוּאֵל אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל בֶּן אַחַר בֶּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן של"ה. דֶער טַאטֶע פוּן ר' שְׁמוּאֵל הָאט טַאקֶע גֶעטְרָאגְן דֶעם זֶעלְבְּן נָאמֶען וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זֵיידֶע דֶער של"ה רֶבִּי יְשַׁעְיָה הַלֵּוִי הוֹרוִויץ.

ר' שְׁמוּאֵלְ'ס זֵיידֶע - דֶעם טַאטְנְ'ס טַאטֶע - הָאט גֶעהֵייסְן ר' אָשֵׁר יְחֶזְקֵאל הוֹרוִויץ. זַיין וַוייבּ - ר' שְׁמוּאֵלְ'ס בַּאבֶּע - הָאט גֶעהֵייסְן עֶלְקֶע ע"ה, זִי אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק ר' מָרְדְּכַי יָפָה בַּעַל הַלְּבוּשִׁים זצ"ל.

מִיר בְּרֶענְגֶען דָא אַרָאפּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט צוּ ר' מָרְדְּכַי יָפָה:

אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ ר' מָרְדְּכַי פַארְבְּלָאנְדְשֶׁעט אִין וֶועג, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶע פְּלַאץ. אוּן הָאט דָארְט גֶעהַאט אַ נִסָּיוֹן צוּ טוּן אַן עֲבֵרָה, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז אִין גָאר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה בְּרוּחָנִיּוּת, אִיז עֶר מִיט אַ קְלוּגְשַׁאפְט אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין בֵּית הַכִּסֵּא. דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ פֶענְסְטֶער צוּ קֶענֶען אַרָאפְּטַאנְצְן, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הוֹיךְ אוּן אַ סַכָּנָה אַרָאפְּצוּטַאנְצְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים רַאטֶעוֶוען, עֶר זָאל

נִישְׁט וֶוערְן צוּקְלַאפְּט בַּיים אַרָאפְּטַאנְצְן, אוּן הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֶעבְּן סְפָרִים אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט.

לוֹיט אַן אַנְדֶערֶע גִּרְסָה אִיז ר' מָרְדְּכַי יָפָה אַרַיינְגֶעקְרָאכְן אִינֶעם גְרוֹיסְן רֶער וָואס דָארְט לוֹיפְט אַרָאפּ דִי אָפְּפַאל אוּן שְׁמוּץ פוּן בֵּית הַכִּסֵּא בִּיז אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט נֶעבְּן עֶק פוּן טַייךְ, אַזוֹי אִיז עֶר אַרִיבֶּערְגֶעשְׁוִוימֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁמוּץ אוּן זִיךְ פַארְשְׁמִירְט זַיין פָּנִים מִיט אַלֶע זַיינֶע צֶען קְלֵיידֶער וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן אוֹיף זִיךְ, אַבִּי נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵרוֹת, עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז אַנְטְלָאפְן בַּיי זַיין נִסָּיוֹן.

נָאךְ אַן אִינְטֶערֶסַאנְטֶע תְּפִלָּה הָאט ר' מָרְדְּכַי גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַז כְּדֵי זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אַזַא סָארְט נִסָּיוֹן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט וֶועגְן זַיין שֵׁיינֶעם אוֹיסְזֶען, זָאלְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ לְפָחוֹת צֶען דוֹרוֹת נָאךְ אִים - נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֵׁיינֶעם אוֹיסְזֶען, זֵיי זָאלְן חָלִילָה נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין נִסָּיוֹן.

וֶוען ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז"ל הָאט גֶעלֶערְנְט אִין מַאקֶעוֶוע יְשִׁיבָה אִין פּוֹילְן, הָאט דָארְט גֶעלֶערְנְט אַ בָּחוּר ר' יִצְחָק אָטְוָואצְקֶער הי"ד, וֶועלְכֶער הָאט

טַאקֶע מְקָרֵב גֶעוֶוען ר' לֵוִי יִצְחָק אוּן רוֹב בָּחוּרִים פוּן מַאקֶעוֶוע יְשִׁיבָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס דֶרֶךְ. דֶער יִצְחָקְ'ל אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, טְרָאץ זַיין אִינְגְן עֶלְטֶער הָאט אִים זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען וֶועגְן זַיין לַמְדָנוּת אוּן גְאוֹנוּת וָואס עֶר הָאט פַארְמָאגְט.

וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס עֶרְשְׁטֶע וֶועלְטְ'ס קְרִיג אִיז דֶער טַאטֶע פוּן דֶעם בָּחוּר ר' יִצְחָק אִים גֶעקוּמֶען אַהֵיימְנֶעמֶען פוּן יְשִׁיבָה, הָאבְּן זִיךְ דִי בָּחוּרִים זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וויאַזוֹי דֶער בָּחוּר ר' יִצְחָק הָאט גֶעהַאט גָאר אַ שֵׁיינֶעם אוֹיסְזֶען, אָבֶער זַיין טַאטֶע'ס פָּנִים אִיז גֶעוֶוען מִאוּס אוּן פַארְשְׁוַוארְצְט, הָאבְּן דִי בָּחוּרִים גֶעפְרֶעגְט פוּן דֶעם בָּחוּר ר' יִצְחָק וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם?

הָאט ר' יִצְחָק גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מַיין טַאטֶע אִיז דֶער צֶענְטֶער דוֹר פוּנֶעם ר' מָרְדְּכַי יָפֶה - בַּעַל הַלְּבוּשִׁים. ר' מָרְדְּכַי הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער נָאךְ זַיין נִסָּיוֹן אַז זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ בִּיז צֶען דוֹרוֹת, זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שֵׁיינֶעם אוֹיסְזֶען!" הָאט ר' יִצְחָק אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶער עֶלֶעוְוטֶער דוֹר פוּנֶעם הֵיילִיגְן זֵיידְן!

ר' מָרְדְּכַי יָפֶה הָאט טַאקֶע נָאךְ דֶעם נֵס גֶעגֶעבְּן דִי נֶעמֶען פַאר זַיינֶע סְפָרִים "לְבוּשׁ.." אַ סַךְ הַכֹּל פוּן צֶען סְפָרִים מִיטְ'ן נָאמֶען לְבוּשׁ - רוֹב פוּן זֵיי אִיז אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. (ימי שמואל, שיש"ק, א"ח)

נָאךְ אַ גֶעשֶׁעעֶנִישׁ וָואס הָאט פַּאסִירְט צוּ ר' שְׁמוּאֵלְ'ס זֵיידֶע - ר' אָשֵׁר יְחֶזְקֵאל, וֶוען עֶר אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אִין אַ גְרוֹיסְן בַּאן אִין שְׁטָאט רוּסְלַאנְד, דֶער בַּאן אִיז גֶעוֶוען בַּאהָאפְטְן מִיט אַסַאךְ וֶועגֶענֶער. דֶער זֵיידֶע ר' אָשֵׁר יְחֶזְקֵאל אִיז גֶעזֶעסְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי פָארְדֶערְשְׁטֶע וַואגָאנֶען, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אֵיינֶער צוּ צוּ אִים אוּן פַארְטְרֵייבְּט אִים פוּן דָארְט, הָאט דֶער זֵיידֶע זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן גֵייעֶנְדִיג צוּם אַנְדֶערְן וַואגָאן, דָארְט אִיז ווידֶער גֶעקוּמֶען אֵיינֶער אִים פַארְטְרֵייבְּן, אוּן ווידֶער אִיז דֶער זֵיידֶע גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי וַואגָאנֶען מֶער פוּן אוּנְטְן, אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁען אֵיינְמָאל אוּן ווידֶערְאַמָאל, בִּיז מֶען הָאט אִים שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ גֶעלָאזְט אַיינְזִיצְן אוֹיף זַיין פְּלַאץ אִינֶעם לֶעצְטְן וַואגָאן.




אַזוֹי אִיז דֶער בַּאן גֶעמוּטְלִיךְ גֶעפָארְן בִּיז וֶוען אִין אֵיין מִינוּט אִיז גֶעשֶׁען עֶפֶּעס שְׁרֶעקְלִיךְ, אַ בַּאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּפָארְן אַנְטְקֶעגְן אוּן זִיךְ אָנְגֶעקְלַאפְּט אִין דֶעם לוֹיפְנְדִיגְן בַּאן! אַלֶע וַואגָאנֶען הָאבְּן זִיךְ צֶעבְרָאכְן אוּן צֶעשָׂאסְן, אוּן גֶע'הַרְגֶ'עט אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעזֶעסְן אִין דִי פָארְדֶערְשְׁטֶע וַואגָאנֶען, אָבֶער מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִיז דֶער זֵיידֶע - וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אִינֶעם לֶעצְטְן וַואגָאן - נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן, עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּנֶעם וַואגָאן אוּן גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ זִיכֶערְן טוֹיט.

וֶוער ווייסְט וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט אִים אַזוֹיפִיל מָאל פַארְטְרִיבְּן פוּן דִי וַואגָאנֶען אִים צוּ רַאטֶעוֶוען!

# מתמידים והודעתם לבניך

## עפנט אויף אירע טויערן

## מיט פרישע איבערראשונגען

## זונטאג פרשת לך הייבט זיך אן בעז"ה דער נייער זמן

**אמעריקע**
646-585-2977

**ענגלאנד**
020-376-97807

**ארץ ישראל**
073-351-7202






א געשמאקע מתמידים פאר יעדע ברסלב'ע אינגל איבער דער וועלט.

פרישע נייע סופרייזעס / איבערראשונגען צום נייעם זמן.

גורלות, מתנות, סיומים פאר די טייערע קינדער.

פרישע מעשיות טעגליך דערציילט דורך חשוב'ע ברסלב'ע אינגעלייט

א מנין אינגעלייט לייגן אריין בעז"ה כוחות אז יעדעס אינגל זאל באקומען זיין אוצר / נקודה.

געשמאקע שיעורים, הלכה, חיזוק, מדות און סיפורי מעשיות און נאך.

און אינהאלטסרייכע חברים שטיבל.

# לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה



הָרַב הֶחָסִיד ר׳ שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ זַ״ל הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶבְּן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, בִּפְרָט לִכְבוֹד שַׁבָּת אוּן יָמִים טוֹבִים. פַאר סֻכּוֹת הָאט עֶר מַשְׁקִיעַ גֶעוֶוען אִין שֵׁיינֶע מְהוּדָר׳דִיגֶע מִינִים אוּן זִיךְ גֶעלָאזְט קָאסְטְן אַסַאךְ פַאר דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה, נִישְׁט נָאר פַאר זִיךְ נָאר אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער, טְרָאץ וָואס אִין יֶענֶע טֶעג הָאט גֶעבּוּדְשֶׁעוֶועט גְרוֹיס אָרֶעמְקַייט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן פַאר זִיךְ אַ פְּרִיוַואטֶע סֶעט פוּן אַרְבַּע מִינִים אָבֶּער ר׳ שְׁמוּאֵל מִיט זַיין גְרוֹיס וִוילְן אַרַיינְצוּגֶעבְּן אִין דִי קִינְדֶער אַ חֲבִיבוּת צוּ אַ מִצְוָה, צוּ לִיבּ הָאבְּן אוּן גֶעשְׁמַאק הַאלְטְן יֶעדֶע מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט קָאסְטְן פוּן זַיין טַאשׁ אוּן יֶעדֶעס קִינְד פְלֶעגְט גֵיין סֻכּוֹת צוּם דַאוֶוענֶען מִיט אַ גַאנְצֶע שֵׁיינֶע סֶעט אַרְבַּעַת הַמִּינִים. (בֵּית שְׁמוּאֵל)



אַמָאל אִין אַן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אִיז הָרַב הֶחָסִיד ר׳ שְׁמוּאֵל מֵאִיר אַנְשִׁין זַ״ל גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל צוּ כָּל-נִדְרֵי מִיטְן וַוייסְן קִיטְל גְרֵייט צוּם הֵיילִיגְן טָאג, וֶוען אוֹיפְן וֶועג אִיז עֶר אַרִיבֶּער נֶעבְּן דִי שְׁטוּבּ פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר׳ שְׁלֹמֹה וֶועקְסְלֶער זַ״ל וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען שׁוֹין אִין זַיינֶע לֶעצְטֶע יָארְן אוּן אִיז לַיידֶער גֶעלֶעגְן קְרַאנְק אִין בֶּעט, ר׳ שְׁמוּאֵל מֵאִיר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ ר׳ שְׁלֹמֹה אוּן גֶעזֶעהְן אַז יֶעצְט אִין זַיין מִצְוָה צוּ בַּאדִינֶען אוּן הֶעלְפְן אַ עֶלְטֶערְן עֶרְלִיכְן אִיד. אַזוֹי אִיז עֶר פַארְבְּלִיבְּן בַּאדִינֶען דֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן חָסִיד ר׳ שְׁלֹמֹה וֶועקְסְלֶער אַנְשְׁטָאט צוּ גֵיין צוּ כָּל-נִדְרֵי (מִשְׁפַּחַת אַנְשִׁין)

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ו | ל | נ | א | ה | ט | ה | ס | צ | ל |
| א | ל | ע | מ | ב | ע | ר | ג | י | ת | ל |
| ו | ש | ח | ח | פ | ב | ר | ס | ל | ב | ו |
| מ | ט | ו | ל | ט | ש | י | נ | מ | י | ב |
| א | ה | י | ב | ע | ב | ב | ר | מ | ת | ל |
| נ | ק | י | צ | י | ו | ו | א | ר | ט | י |
| א | י | ע | ר | ר | ז | ה | ג | ג | א | נ |
| ע | ת | ר | י | ש | ל | ע | ס | ע | ד | א |
| ק | י | מ | ע | ו | ו | ט | מ | ל | כ | ש |
| ר | ע | ח | ב | ש | ט | י | ל | ב | י | ק |
| נ | ט | ב | ו | ש | ט | י | ד | ר | א | ב |

זוך אויף די נעמען פון די שטעט וואו אונזערע לייט האבן זיך געדרייט און געדינט דעם אויבערשטן

ברסלב
טולטשין
טשערין
אומאן
נעמירוב
פולנאה
מעזיבוש
קיבליטש

טעפליק
טראַווין
אדעסע
לעמבערג
לובלין
בארדיטשוב
מאהלוב
סיביר



# חַייקְל דֶער חַזָן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פַּאסְטְן אַסַאךְ תַּעֲנִיתִים. אָבֶער עֶר הָאט דָאס זַייעֶר בַּאהַאלְטְן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְוִויסְן דֶערְפוּן, אֲפִילוּ זַיינֶע גָאר נָאנְטֶע אוּן זַיין חָשׁוּבֶ'ע רֶעבְּעצִין הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דֶערְפוּן. דֶער אֵיינְצִיגֶער וָואס הָאט יָא מִיטְגֶעהַאלְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער מְשָׁרֵת פוּן רֶבִּי'ן – וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, אִים הָאט דֶער רֶבִּי זַייעֶר שְׁטְרֶענְג אָנְגֶעוָוארְנְט עֶר זָאל פַאר קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט מְגַלֶּה זַיין אוּן פַארְצֵיילְן וֶועגְן דִי תַּעֲנִיתִים.

אַנְשְׁטָאט דֶער רֶבִּי זָאל אוֹיפְעֶסְן וָואס דִי רֶעבְּעצִין הָאט גֶעקָאכְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, הָאט עֶס דֶער מְשָׁרֵת אוֹיפְגֶעגֶעסְן!

עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט עֶטְלִיכֶע מָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן זַיינֶע תַּעֲנִיתִים אוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס תַּלְמִיד ר' חַייקְל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אִין זַייעֶר אַ שְׁוַואכְן צוּשְׁטַאנְד, הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן סוֹד אַז דֶער רֶבִּי פְּרַאוֶועט תַּעֲנִיתִים. פוּן גְרוֹיס צֶעמִישֶׁענִישׁ הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן: "אוֹיבּ דֶער רֶבִּי וֶועט נִישְׁט עֶסְן וֶועל אִיךְ פַארְצֵיילְן פַאר מֶענְטְשְׁן דֶער סוֹד אַז דֶער רֶבִּי פַאסְט!", דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן וַוייטֶער אָנְגֶעהַאלְטְן מִיט זַיינֶע תַּעֲנִיתִים.

אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיווקֶע גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט דֶער רֶבִּי, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט כִּמְעַט פַארְ'חַלְשׁ'ט, עֶס גֵייט אִים אַרוֹיס בְּלוּט פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן אוּן פוּן זַיין הֵיילִיג מוֹיל. דֶער רֶבִּי הַאלְט שׁוֹין נָאכְן פַאסְטְן אַפָּאר טֶעג אִין אֵיין צִי. ר' חַייקְל קוּמְט אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן זֶעט דֶעם גַאנְצְן מַצָּב וָואס דָא גֵייט פָאר, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פַארְ'ן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּן, עֶר בֶּעט זִיךְ צוּם רֶבִּי'ן: "הֵיילִיגֶער רֶבִּי, זַייט עֶפֶּעס טוֹעֶם! אֶפְשָׁר ווִיל דֶער רֶבִּי עֶפֶּעס טְרִינְקֶען? רֶבִּי! אִיר זֶענְט אִין אַ סַכָּנָה צוּשְׁטַאנְד!" אָבֶער דֶער רֶבִּי הַאלְט זִיךְ בַּיי דָאס זַיינִיגֶע, עֶר ווִיל נִישְׁט בְּשׁוּם אוֹפָן אָפְּשְׁטֶעלְן זַיין תַּעֲנִית!

"אִיךְ וֶועל אוֹיסְזָאגְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז דֶער רֶבִּי פַּאסְט!" רוּפְט זִיךְ ר' חַייקְל אָן. דֶער רֶבִּי עֶנְטְפֶערְט אִים: "חַייקְל, גֵיי שֶׁעכְט אַן עוֹף אוּן גְרֵייט אָן אַבִּיסְל יוֹיךְ, אִיךְ זָאל קֶענֶען עֶסְן גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב"; ר' חַייקְל אִיז גֶעלָאפְן מִיט פְרֵייד מִיטְן הִינְדְל צוּם שׁוֹחֵט. נָאכְן שֶׁעכְטְן הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעפְּלִיקְט דִי פְלִיגְלֶען אוּן אָפְּגֶעקָאכְט אַ פֵיינֶע נָארְהַאפְטִיגֶע זוּפ.

נָאךְ מַעֲרִיב וֶוען ר' חַייקְל קוּמְט אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶערְלַאנְגְט אִים דָאס טֶעלֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרוֹיף אֵיין פִיס אוֹיפְן בֶּענְקְל, דִי צְוֵוייטֶע פוּס אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "חַייקְל זִינְג מִיר דֶעם פְרוּמֶער נִיגוּן" – דָאס אִיז דֶער בַּאוואוּסְטֶער נִיגוּן וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ זִינְגֶען שַׁבָּת אוֹיף דִי וֶוערְטֶער 'מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא'. אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס בַּאפֶעל הֵייבְּט ר' חַייקְל אָן – מִיט זַיין זִיסֶע שְׁטִימֶע – זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן, וֶוען דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין אַ דְבֵקוּת. וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם נִיגוּן ווַייזְט אִים דֶער רֶבִּי מִיט דִי הַאנְט, עֶר זָאל ווִידֶער אָנְהֵייבְּן דֶעם נִיגוּן, ר' חַייקְל הָארְכְט עֶר זִינְג נָאכְאַמָאל, אַזוֹי הָאט זִיךְ דָאס אָפְּגֶעשְׁפִּילְט עֶטְלִיכֶע מָאל אוּן ר' חַייקְל זִינְגְט דֶער נִיגוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט שְׁטֵייעֶנְדִיג נֶעבְּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעקָאסְט פוּנֶעם עֶסְן...

נָאךְ לַאנְגֶע שָׁעֶה'ן רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן צוּ ר' חַייקְל "אִיצְטֶער גֵיי אַרוֹיס, זֶע וואוּ דִי נַאכְט הַאלְט", ר' חַייקְל גֵייט אַרוֹיס אוּן זֶעט אַז עֶס אִיז שׁוֹין דֶער עֲלוֹת הַשַּׁחַר, דִי זוּפ אִיז שׁוֹין לַאנְג אוֹיסְגֶעקִילְט...

הָאט דֶער 'גִבּוֹר' [טַאקֶע] אַזוֹי גֶעטָאן! – אוּן [עֶר] הָאט גֶענוּמֶען דִי 'דָאזִיגֶע לַייט' – דְהַיְינוּ: דִי 'גְרוֹיסֶע לַייט' פוּן דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', וָואס זֵיי זֶענֶען 'גָאטְן' אִין 'זֵייעֶר מְדִינָה'!

וָואס זֵיי [וַוייל דִי 'דָאזִיגֶע גָאטְן' זֶענֶען דָא גֶעוֶוען – וַוייל זֵיי] זֶענֶען אַהֶערְגֶעקוּמֶען מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה [עַל הָאוֹצְרוֹת]', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק יא אוֹת א]! – אוּן אַז זֵיי [דֶערמָאלְט וֶוען דִי דָאזִיגֶע גָאטְן] זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן 'זֵייעֶר מְדִינָה' מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה' – הָאבְּן זֵיי [דֶערמָאלְט], דִי '[לַייט פוּן דִי] מְדִינָה', [גֶעהַאט] 'כֹּחַ' [אוּן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ] גֶעגֶעבְּן: "אַז וָואס זֵיי וֶועלְן טָאן [דִי דָאזִיגֶע שְׁלוּחִים], זָאל זַיין גָאר גֶעטָאן"! – אוּן [אַז] 'גָאר דִי ['אַלֶע לַייט' פוּן דִי] מְדִינָה', מוּז צוּשְׁטֵיין [וֶועלְן מוּזְן מַסְכִּים זַיין] אוֹיף דֶעם אַלֶעמֶען וָואס זֵיי [דִי 'שְׁלוּחִים', דְהַיְינוּ: זֵייעֶרֶע 'גָאטְן' – דִי 'גְרוֹיסֶע לַייט' פוּן זֵייעֶר מְדִינָה] וֶועלְן טָאן! – [אוּן זֵיי וֶועלְן גָארְנִישְׁט קֶענֶען פַארְעֶנְדֶערְן]!

הָאט דֶער 'גִבּוֹר' גֶענוּמֶען דִי [דָאזִיגֶע] לַייט [וָואס זֵיי הֵייסְן 'גָאטְן' בַּיי זֵייעֶר מְדִינָה, צוּלִיבּ זֵייעֶר עֲשִׁירוּת] – אוּן הָאט זֵיי גֶעפִירְט אִין 'דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] וֶועג' (וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אִים גֶעזָאגְט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] בִּיז [צוּ] דֶער 'קֶעךְ' וָואס דָארְט זֶענֶען דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'מַאֲכָלִים'!

אוּן פְרִיעֶר [קוֹדֶם], הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט אַקֶעגְן [דֶעם] 'ווִינְט'! – אִיז זֵיי פַארְגַאנְגֶען [אָנְגֶעקוּמֶען] דֶער 'רֵיחַ' פוּן דִי 'מַאֲכָלִים'!

הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ בֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן פוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'גוּטֶע מַאֲכָלִים'"! דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי [אַוֶועק] גֶעפִירְט פוּן דֶעם 'ווִינְט'! הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן: "ס'שְׁטִינְקְט זֵייעֶר [שְׁטַארְק]"! הָאט עֶר זֵיי ווִידֶער גֶעבְּרַאכְט [גֶעפִירְט] אַקֶעגְן [דֶעם] 'ווִינְט'!

אִיז זֵיי ווִידֶער פַארְגַאנְגֶען [אָנְגֶעקוּמֶען] דֶער 'גוּטֶער רֵיחַ' פוּן דִי 'מַאֲכָלִים'! הָאבְּן זֵיי אִים ווִידֶער זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן פוּן דִי 'מַאֲכָלִים'"! דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי ווִידֶער [אַוֶועק] גֶעפִירְט פוּן דֶעם 'ווִינְט'! הָאבְּן זֵיי ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן: "ס'שְׁטִינְקְט זֵייעֶר ווִילְד"!

הָאט זִיךְ דֶער 'גִבּוֹר' צוּ זֵיי אָנְגֶערוּפְן [צוּ דִי דָאזִיגֶע מֶענְטְשְׁן]: "אִיר זֶעהְט זִיךְ [דָאךְ]: אַז ס'אִיז דָא גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדְן קַיין שוּם זַאךְ וָואס ס'זָאל שְׁטִינְקֶען! – מוּז [דָאךְ] בְּוַודְאַי זַיין, אַז אִיר אַלֵיין שְׁטִינְקְט עֶס! – וָוארְן דָא אִיז נִישְׁט דָא קַיין שוּם זַאךְ, וָואס ס'זָאל הָאבְּן אַ 'רֵיחַ רַע' [שְׁלֶעכְטְן רֵיחַ]"!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן פוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'מַאֲכָלִים'! [אוּן תֵּיכֶּף] ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן פוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'מַאֲכָלִים' – הָאבְּן זֵיי תֵּיכֶּף אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועק־צוּ־וַוארְפְן פוּן זִיךְ, דָאס 'גֶעלְט' [זֵייעֶר זִילְבֶּער אוּן גָאלְד]!

אוּן אִיטְלֶעכֶער, הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגְרָאבְּן [פַאר זִיךְ אַלֵיינְס] אַ 'גְרוּבּ' [אוּן אַ 'קֶבֶר']! אוּן הָאט זִיךְ [אַלֵיינְס] בַּאגְרָאבְּן אִין דֶעם 'גְרוּבּ', מַחֲמַת [צוּלִיבּ] 'גְרוֹיס בּוּשָׁה' וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן דֶערפִילְט: "ווִי דָאס 'גֶעלְט' שְׁטִינְקְט זֵייעֶר [מַמָּשׁ אַזוֹי־ווִי 'צוֹאָה']"! – וַוייל זֵיי הָאבְּן פַארְזוּכְט פוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'מַאֲכָלִים'!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּרִיסְן דָאס 'פָּנִים! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאגְרָאבְּן! – אוּן הָאבְּן [זִיךְ] דָאס 'פָּנִים', גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן! – אוּן אֵיינֶער פַאר דֶעם אַנְדֶערְן, הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט! – (וָוארְן אַזוֹי אִיז דִי 'סְגוּלָה' פוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'מַאֲכָלִים': "אַז וֶוער ס'עֶסְט פוּן דִי 'מַאֲכָלִים', הָאט עֶר זֵייעֶר פַיינְט 'גֶעלְט'")!

וָוארְן דָארְט אִין דֶעם אָרְט [פְּלַאץ] – אִיז דָאס 'גֶעלְט', דִי גְרֶעסְטֶע 'בּוּשָׁה', פוּן אַלֶע 'בּוּשׁוֹת'! אוּן אַז אֵיינֶער

ווייל דֶעם אַנְדֶערְן עֶפֶּעס אוֹיסְוַואַרְפְן [פַּארְשֶׁעמֶען] – וַוארְפְט עֶר אִים אוֹיס [עֶר זָאגְט אִים]: ״דוּ הָאסְט גֶעלְט״!

וָוארְן ׳גֶעלְט׳ – אִיז דָארְט ׳זֵייעֶר אַ אַ גְרוֹיסֶע בּוּשָׁה׳! – אוּן וָואס אֵיינֶער הָאט [אַלְץ] מֶער גֶעלְט – שֶׁעמְט עֶר זִיךְ מֶער! אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ בַּאגְרָאבְּן, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] ׳גְרוֹיס בּוּשָׁה׳! אוּן אִיטְלֶעכֶער [קֵיינֶער פוּן זֵיי] הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן דָאס ׳פָּנִים׳, אֲפִילוּ פַאר דֶעם אַנְדֶערְן [זַיין חַבֵר]! – מִכָּל־שֶׁכֵּן פַאר דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] ׳גִבּוֹר׳!

אוּן וֶוער סְ׳הָאט נָאךְ בַּיי זִיךְ גֶעפוּנֶען, עֶפֶּעס אַ ׳גִילְדְן׳, אָדֶער אַ ׳גְרָאשְׁן׳ – הָאט עֶר אִים מְבַעֵר גֶעוֶוען [אוֹיסְגֶערוֹימְט] פוּן זִיךְ תֵּיכֶּף! אוּן עֶר הָאט אִים אַ וַוארְף גֶעטָאן [וַוייט אַוֶועק] פוּן זִיךְ [מִיט גְרוֹיס אַיילֶענִישׁ]!

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער ׳גִבּוֹר׳ צוּ זֵיי גֶעקוּמֶען – אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶרֶע ׳גְרִיבֶּער׳ [אוּן ׳קְבָרִים׳], וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאגְרָאבְּן פַאר ׳בּוּשָׁה׳! – אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: ״קוּמְט מִיט מִיר! – וָוארְן הַיינְט בַּאדַארְפְט אִיר שׁוֹין קַיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ הָאבְּן פַאר דֶעם ׳גִבּוֹר׳ וָוארְן אִיךְ בִּין דָאס אַלֵיין דֶער ׳גִבּוֹר׳״!

הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן [פוּן] דֶעם ׳גִבּוֹר׳: ״אַז עֶר זֵיי זָאל גֶעבְּן פוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳מַאֲכָלִים׳! כְּדֵי זֵיי זָאלְן [דָאס] פִירְן, אִין ׳זֵייעֶר מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]׳ אַרַיין״!

וָוארְן זֵיי אַלֵיין [דִי ׳גָאטְן׳] – וֶועלְן שׁוֹין בְּוַודַאי [זֵייעֶר] פַּיינְט הָאבְּן ׳גֶעלְט׳! – לוּשְׁמִיר [נָאר] זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט: אַז [אוֹיךְ] דִי ׳גַאנְצֶע מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]׳, זָאלְן אַרוֹיס [גֵיין] פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט׳! הָאט דֶער ׳גִבּוֹר׳ זֵיי גֶעגֶעבְּן, פוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳מַאֲכָלִים׳!

הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט דִי ׳מַאֲכָלִים׳, אִין ׳זֵייעֶר מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]׳ אַרַיין! אוּן תֵּיכֶּף ווִי זֵיי הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פוּן דִי ׳[דָאזִיגֶע] מַאֲכָלִים׳ – הָאבְּן זֵיי אַלֶע תֵּיכֶּף אָנְגֶעהוֹיבְּן, אַוֶועק־צוּ־וַוארְפְן זֵייעֶר ׳גֶעלְט׳ [זִילְבֶּער אוּן גָאלְד – ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אוֹת ד]! – אוּן [זֵיי] הָאבְּן זִיךְ בַּאגְרָאבְּן אִין ׳[דִי הֵיילְן פוּן] דֶער עֶרְד׳, פַאר ׳גְרוֹיס בּוּשָׁה׳!

אוּן דִי ׳גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים׳, אוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] ׳גָאטְן׳, הָאבְּן זִיךְ מֶער [זֵייעֶר אַסַאךְ] גֶעשֶׁעמְט!

אוּן [אוֹיךְ] דִי ׳קְלֵיינֶע לַייט׳ וָואס זֵיי פְלֶעגְן הֵייסְן בַּיי זֵיי [שְׁלֶעכְטֶע] ׳חַיוֹת׳ אוּן ׳עוֹפוֹת׳ [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק ב אוֹת א], הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ גֶעשֶׁעמְט, נָאךְ [אוֹיף דֶעם] וָואס זֵיי זֶענֶען בִּיז אַהֶער, בַּיי זִיךְ, אַזוֹי ׳קְלֵיין׳ גֶעוֶוען, ווַייל זֵיי הָאבְּן קַיין ׳גֶעלְט׳ נִישְׁט! – וָוארְן הַיינְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעווָאוּסְט [יֶעצְט אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן]: ״אַז אַדְרַבָּא פַּארְקֶערְט, ׳גֶעלְט׳ אִיז דֶער עִיקָר בּוּשָׁה״!

וָוארְן דִי [דָאזִיגֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] ׳מַאֲכָלִים׳, הָאבְּן אִין זִיךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳סְגוּלָה׳: ״אַז וֶוער סְ׳עֶסְט פוּן דִי ׳מַאֲכָלִים׳, אִיז עֶר זֵייעֶר מְמָאֵס [פַּארְמִיאוּסְ׳ט] ׳גֶעלְט׳! – וָוארְן עֶר פִילְט דֶעם ׳רֵיחַ־רַע׳ [שְׁטִינְק] פוּן ׳גֶעלְט׳, אַזוֹי־ווִי פוּן [׳צוֹאָה׳ אוּן] ׳טִינוּף׳ [שְׁמוּץ] פוּנְקְט״!

[אוּן דֶעמָאלְט] הָאבְּן זֵיי אַלֶע, אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן זֵייעֶר ׳גֶעלְט׳, אוּן זֵייעֶר ׳גָאלְד׳ [גָאלְדֶענֶע אָפְּגֶעטֶער] אוּן ׳זִילְבֶּער׳ [זִילְבֶּערְנֶע אָפְּגֶעטֶער]!

דֶערְנָאךְ, הָאט מֶען זֵיי [אַהִין] גֶעשִׁיקְט דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] ׳בַּעַל־תְּפִילָה! הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעגֶעבְּן [אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן]: ׳תְּשׁוּבוֹת׳ אוּן ׳תִּיקוּנִים׳! אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶערֵיינִיגְט!

אוּן דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] ׳מֶלֶךְ׳ – אִיז גֶעוָוארְן אַ ׳מֶלֶךְ׳, אִיבֶּער ׳גָאר דֶער [גַאנְצֶער] וֶועלְט׳! אוּן ׳גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט׳ – הָאט [הָאבְּן] זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט], צוּ ׳גָאט׳ בָּרוּךְ־הוּא!

אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען: נָאר אִין ׳תּוֹרָה׳, אוּן ׳תְּפִילָה׳, אוּן ׳תְּשׁוּבָה׳, אוּן ׳מַעֲשִׂים־טוֹבִים׳! אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן! בָּרוּךְ ה׳ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן!

ס'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק [יְשַׁעְיָה לא, ט]: אַז 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' הָאט אַ 'אוּיבְן' אִין 'דֶעם אָרְט' [אוּיף אֵיין פְּלַאץ], אוּן דָאס 'פֵייעֶר' אִיז אוּיף אַ 'אַנְדֶער אָרְט' [ווייטֶער פוּנֶעם 'אוּיבְן']! – כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בִּ'יְשַׁעְיָה' ל"א): "נְאֻם ה', אֲשֶׁר אוּר לוֹ בְּצִיּוֹן, וְתַנּוּר לוֹ בִּירוּשָׁלָיִם"!

דִי [דָאזִיגֶע] 'גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה' [פוּן דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה'] – אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם [דָאזִיגְן] 'קַאפִּיטְל' [פוּן]: 'יְשַׁעְיָה ל"א', עַיֵּין־שָׁם [זֶעה דָארְט]!

אוּן זֶעה דָארְט דֶעם 'גַאנְצְן אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטְן קַאפִּיטְל' (יְשַׁעְיָה ל"א) –

וָואס רֶעדְט דָארְט פוּן דִי 'זַאךְ' פוּן דֶעם גַאנְצְן אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטְן 'מַעֲשֶׂה': "הוֹי הַיֹּרְדִים מִצְרַיִם לְעֶזְרָה, וְעַל סוּסִים יִשָּׁעֵנוּ" "וּמִצְרַיִם אָדָם וְלֹא קֵל, וְסוּסֵיהֶם בָּשָׂר וְלֹא רוּחַ". (יְשַׁעְיָה לא, א־ג)

אוּן נָאךְ דִי אַלֶע פְרִיעֶר־דֶערְמַאנְטֶע 'פְּסוּקִים' – עֶנְדִיגְט צוּ דֶער 'פָּסוּק': "נְאֻם ה' אֲשֶׁר אוּר לוֹ בְּצִיּוֹן, וְתַנּוּר לוֹ בִּירוּשָׁלָם". (יְשַׁעְיָה לא, ט)

דָאס אַלֶעס [דִי אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע 'פְּסוּקִים' פוּן יְשַׁעְיָה ל"א, אוּן זֵייעֶר בַּאדֵייט] – אִיז דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבֵּינוּ זַ"ל!

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "אַז דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, אִיז אִינְגַאנְצְן מְרוּמָז אִינֶעם אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטְן קַאפִּיטְל פוּן יְשַׁעְיָה ל"א"!

אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַז דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מַעֲשֶׂה – קֶען מֶען אַלֶעס טְרֶעפְן אִין 'פְּסוּקִים' אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן".

צוּם בֵּיישְׁפִּיל: ס'שְׁטֵייט: "וְטִמֵּאתֶם אֶת צִפּוּי פְּסִילֵי כַסְפֶּךָ, וְאֶת אֲפֻדַּת מַסֵּכַת זְהָבֶךָ. תִּזְרֵם כְּמוֹ דָוָה, צֵא תֹּאמַר לוֹ". (יְשַׁעְיָה ל, כב)

"אוּן ס'וֶועט זַיין בַּיי עֶנְק פַארְאוּמְרֵיינִיגְט [טָמֵא אִין עֶנְקֶערֶע אוּיגְן], דָאס בַּאדֶעקוּנְג פוּן עֶנְקֶערֶע גֶעשְׁנִיצְטֶע זִילְבֶּערְנֶע בִּילְדֶער, אוּן דָאס שֵׁיינֶעם גַארְטְל וָואס אִיז אוֹיסְגֶעגָאסְן פוּן גָאלְד! – דוּ וֶועסְט זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוּן אַוֶועקְוַוארְפְן [זֵיי וֶועלְן זַיין מִיאוּס אִין דַיינֶע אוּיגְן אַזוֹי־וִוי אַ 'נִדָּה'] – 'גֵיי אַרוֹיס' וֶועסְטוּ זָאגְן צוּ דִי דָאזִיגֶע 'עֲבוֹדָה־זָרָה'ס!"

אוּן אוּיךְ צוּם בֵּיישְׁפִּיל: דֶעם פָּסוּק: "בַּיּוֹם הַהוּא יַשְׁלִיךְ הָאָדָם, אֵת אֱלִילֵי כַסְפּוֹ, וְאֵת אֱלִילֵי זְהָבוֹ וְכוּ', לַחְפֹּר פֵּרוֹת וְכוּ', לָבוֹא בְּנִקְרוֹת הַצֻּרִים" וְכוּ'. (יְשַׁעְיָה ב, כ־כא)

"אִין יֶענֶעם טָאג [וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען], וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אַוֶועקְוַוארְפְן, זַיינֶע 'זִילְבֶּערְנֶע אָפְּגֶעטֶער', אוּן זַיינֶע 'גָאלְדֶענֶע אָפְּגֶעטֶער' – צוּ דִי 'טִיפֶע גְרִיבֶּער'! אוּן זֵיי וֶועלְן אַנְטְלוֹיפְן אִין דִי 'לֶעכֶער' פוּן דִי 'שְׁטֵיינֶער'" [צוּלִיבּ פַּחַד פוּן הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ]!

[נָאךְ הָאט רַבֵּינוּ זַ"ל גֶעזָאגְט נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה]:

דֶער 'סֵדֶר' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט 'זַיינֶע לַייט', אִיז אַזוֹי:

1) דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה'! – 2) מִיט דֶעם 'גִּבּוֹר'! 3) דֶער 'מְמוּנֶּה עַל הָאוֹצָרוֹת'! – 4) מִיט דֶעם 'חָכָם'! 5) דֶער 'מֵלִיץ'! – 6) מִיט דֶעם 'אוֹהֵב־נֶאֱמָן'! 7) דִי 'בַּת־מַלְכָּה'! – 8) מִיט דֶעם 'קִינְד' [פוּן דִי 'בַּת־מַלְכָּה']!

9) דֶער 'מֶלֶךְ'! – 10) מִיט דֶער 'מַלְכָּה']!

אוּן זֵיי זֶענֶען 'צֶעהְן' זַאכְן!

וָואס דִי [דָאזִיגֶע] 'צֶעהְן': פַארְרֶעכְטְן 'גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט'! – אוּן נֶעמֶען אַרוֹיס 'אִיטְלֶעכְן' פוּן זַיין 'נַארִישְׁקַייט'! – אוּן קֶערְן אוּם [צוּרִיק] 'אַלֶע', צוּם 'רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן] אֱמֶת'!

המשך פון די לעצטע זייט




מֶען טַאנְצְט ווי אַ בַּאן אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט, דֶערְנָאךְ דִי הֶענְט צַאמְגֶעלֵייגְט, פָּארְלֶעך צְוֵויי אִינְאֵיינֶעם. יָא, אַלֶע קֶענֶען דֶעם מְמֻחֶה, פַּיְוּל, וֶועלְכֶער פְּלַאקֶערְט אוֹיף אַלֶע אַרוּמִיגֶע מִיט אַ הֶעכֶערֶע סָארְט שִׂמְחָה.

פְּלוּצְלוּנְג בַּאמֶערְקְט פַּיְוּל זַיין חַבֵר שִׁמְעוֹן זִיצְנְדִיג אַלֵיין אַ ווִינְקְל, עֶר קוּקְט אוֹיס אַבִּיסְל פַאר'חָלוֹמְ'ט אוּן פַארְזוֹיעֶרְט, עֶר פַארְשְׁטֵייט גְלַייךְ אַז שִׁמְעוֹן אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ הַיינְט, בֶּאֱמֶת אִיז שִׁמְעוֹן גַאנְץ טְרוֹיעֶרִיג, עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים הֵייבְּן זַיין פִּיס, עֶר ווִיל נִישְׁט רֶעדְן צוּ קֵיינֶעם.

פַּיְוּל אִיז נִישְׁט גְרֵייט אוֹיף דֶעם, אַלֶע דַארְף דָא פְרֵיילִיךְ זַיין! עֶר פַארְקִירֶעוֶועט דִי טֶענְץ קֶעגְן שִׁמְעוֹן אוּן מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים טַאנְצְט עֶר אַהִין אוּן צוּרִיק, בִּיז פַּיְוּל אִיז מַצְלִיחַ אִים אַרַיינְצוּשְׁלֶעפְּן אִינֶעם רָאד פוּן שִׂמְחָה מִיט אַ בְּרֶען ווִי אַלֶע חֲבֵרִים אַרוּם.



קוֹדֶם אִיז שִׁמְעוֹן בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דִי טֶענְץ. זַיין פָּנִים בְּלַייבְּט פַארְשְׁטֵייפְט ווִי פְרִיעֶר, אָבֶער נָאךְ אַ מִינוּט קֶען עֶר מֶער נִישְׁט זַיין דֶער נַאר אִין רָאד, עֶר מוּז מִיטְטַאנְצְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. אַ טַאנְץ נָאךְ אַ טַאנְץ אוּן שִׁמְעוֹנְ'ס פָּנִים ווַייזְן שׁוֹין שְׁטְרִיכְן פוּן שְׁמֵייכְלֶער. צוּבִּיסְלֶעךְ ווֶערְט עֶר מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט אַלֶעמֶענְ'ס שִׂמְחָה בִּיז עֶס בְּלַייבְּט שׁוֹין נִישְׁט קַיין זֵכֶר פוּן זַיין זוֹיעֶרְן פָּנִים.

דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַ מָשָׁל ווֶעגְן דֶער עִנְיָן פוּן שִׂמְחָה (ליקוטי מוהר"ן ח"ב תורה כ"ג) אַז צוּמָאל ווֶען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען טַאנְצְט, דַאן כַאפְּן זַיין אַרַיין אֵיינֶעם – ווֶעלְכֶער אִיז בְּעַצְבוּת – פוּנְדְרוֹיסְן פוּן רִינְג, מֶען שְׁלֶעפְּט אִים אַרַיין מִיט גֶעווַאלְד אִין דִי רָאד פוּן דִי טֶענְץ, אוּן מֶען צְווִינְגְט אִים עֶר זָאל בַּעַל-כָּרְחֲךָ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶעמֶען אִינְאֵיינֶעם.

מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן פוּנֶעם מָשָׁל אַז ווֶען אַ אִיד אִיז בְּשִׂמְחָה, טוּט זִיךְ גְלַייךְ אָפּ פוּן אִים זַיין טְרוֹיעֶר אוּן אַלֶע זַיינֶע יִסוּרִים. אָבֶער דִי גְרֶעסֶערֶע מַעֲלָה אִיז ווֶען מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן מֶען שְׁלֶעפְּט אִיר אַרַיין אִין דִי שִׂמְחָה אַרַיין, דָאס מֵיינְט אַז דִי זַאכְן וָואס מֶען טוּט מִיט עַצְבוּת זָאל אוֹיךְ ווֶערְן גֶעטוּן מִיט שִׂמְחָה, ווִי גְלַייךְ עֶס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי שִׂמְחָה, מֶען שְׁלֶעפְּט דֶער מָרָה שְׁחוֹרָה בַּיי דִי נָאז אַרַיין צוּבִּיסְלִיךְ נֶענְטֶער צוּם שְׁמֵייכְל דַאן ווֶעט פוּן גְרוֹיס פְרֵייד ווֶערְן אִיבֶּערְגֶעקֶערְט דִי טְרוֹיעֶר אוּן דְאָגוֹת צוּ אַן אֱמֶת'ע שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד.

נָא, כַאפּ אַ טֶענְצְל!

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (14)

**א. וואס האבן זיי געזאגט ווען דער גבור האט זיי געפירט קעגן די ווינט?**
- ❑ אז עס שטינקט זייער
- ❑ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ❑ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**ב. וואס האבן זיי געזאגט ווען דער גבור האט זיי געפירט פון דעם ווינט?**
- ❑ אז עס שטינקט זייער
- ❑ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ❑ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**ג. וויפיל מאל האט דער גבור זיי געפירט א קעגן דעם ווינט?**
- ❑ איין מאל
- ❑ צוויי מאל
- ❑ דריי מאל

**ד. וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געגעסן פון די עסן פון די קאך?**
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן אוועקווארפן די געלד
- ❑ זיי האבן זיך באגראבן פאר בושה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס איז די גרעסטע בושה אין יענע פלאץ?**
- ❑ פרייליכקייט
- ❑ ארימע קליידער
- ❑ געלד

**ו. וואס האט דארטן געטוהן ווער ס'האט געטראפן ביי זיך געלד?**
- ❑ האט דאס אוועק געלייגט פאר ווען ער וועט דאס דארפן
- ❑ ער האט עס געגעבן פאר זיין חבר
- ❑ ער האט עס מבער געווען און אוועק געטון פון זיך

**ז. וואס האבן זיי נאכדעם געבעטן פון דעם גבור?**
- ❑ אז ער זאל זיי געבן א וועג צו תשובה
- ❑ אז ער זאל קומען צו זייער מדינה ווערן קעניג
- ❑ אז ער זאל זיי געבן פון די עסן צו טראגן אין זייער מדינה

**ח. וואס איז די סגולה פון די עסן, אז ווער ס'עסט פון דעם?**
- ❑ ווערט געלד נישט אזוי חשוב ביי אים
- ❑ איז ער ממאס געלד
- ❑ איז ער זייער ממאס געלד

**ט. שאלת זכות: אין וועלכע קאפיטל איז מרומז די מעשה?**
- ❑ ישעי' ב'
- ❑ ישעי' ל'
- ❑ ישעי' ל"א

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט
אינטערעסאנטע שאלות אויף גאנץ מעשה פון דער בעל תפילה

א. וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך? און וועמען האט ער נישט דערמאנט?

ב. וועלכע סדר פון די כתות האט דערמאנט איינער פון די גבורים פארן בעל תפילה? און וועלכע כתה האט ער נישט דערמאנט?

ג. וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך פארן גבור? און וועמען האט ער נישט דערמאנט?

ד. וועלכע סדר האבן די כתות געטראפן די אנשי המלך? און וועלכע כתה האבן זיי נישט געטראפן?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך
וואס איז געווען דער סדר וואס מען האט געפונען די אנשי המלך – וועמען האט מען געטראפן דער ערשטער און וועמען דער צווייטער, און אזוי ווייטער?

דער גבור, דער בעל-תפילה, דער ממונה, און דער חכם, דער מליץ, און דער אוהב נאמן, די בת מלכה, און דאס קינד, די מלכה, און דער מלך.

**געווינער אויף בעל תפלה 11 איז הילד החשוב שמעון מנדליאל, בית שמש**
**די לעצטע בחינה איז צוליב א טעכנישע סיבה נישט געווארן ארויפגעלייגט אויפן טעל-ליין,**
**מען וועט שוין בעז"ה קענען מאכן די נייע בחינה אויפן טעל-ליין**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

# אַ רָאד פון שׂמְחָה

מִיט גֶעשִׁיקְטֶע טְרִיט שְׁלֶענְגְלֶען זִיךְ אִידְן צוּם הֶערְלִיכְן חֲתוּנָה-זַאל, בַּאווּאוּסְט אַלְס 'שִׂמְחָתֵינוּ', דָארְט קוּמְט אַצִינְד פָאר דִי גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה פוּן דֶער זוּן פוּן ר' יֶענְקְל, אֵיינֶער פוּן דִי חֲשׁוּבֶ'ע אִידְן פוּן דִי קְהִלָּה. ר' יֶענְקְל שֶׁענְקְט אַוֶועק גַאנְצֶעטֶע שָׁעֶה'ן אוּן טֶעג פַאר דִי קְהִלָּה וָואס וַואקְסְט אוּן בְּלִיעְט, דֶער עִיקַר כּוֹחוֹת אִינְוֶועסְטִירְט עֶר צוּ פִירְן דָאס בֵּית הַמִּדְרָשׁ, דָארְט וואו עֶר דִינְט אַלְס גֶעטְרֵייעֶר אוּן בַּאלִיבְּטֶער גַּבַּאי.

וֶוער עֶס דַארְף אַ פְּלַאץ אָדֶער אַן עֲלִיָּה אִין שׁוּל, זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִין טָאג פוּן אַ יָארְצַייט וֵוייסְט דִי אַדְרֶעס זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, צוּם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶעם ר' יֶענְקְל. פַאר סַיי וֶועלְכֶע הִילְף ווייסְן דִי בְּנֵי הַקְּהִלָּה אַז עֶר אִיז דֶער אִיד וָואס קֶען בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אַלֶעמֶען הֶעלְפְן, זַיי שְׁפִּירְן אַז זַיין הַארְץ אוּן זֶעל אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר זַייעֶר הַצְלָחָה אוּן פַאר אַלֶע שְׁטָאטִישֶׁע אַיינְוואוֹינֶער.

נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער אַז אִין טָאג וֶוען ר' יֶענְקְל פִּירְט זַיין בְּכוֹר יוֹסֵף, אוּנְטֶער דִי חֻפָּה זֶענֶען אַלֶע מְחֻתָּנִים, יֶעדֶער קוּמְט זִיךְ מִיטְפְרֵייעֶן אוּן טַאנְצְן בַּיי דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶענְץ.



אִין זַאל קוּמְט פַאר פְרֵיילִיכֶע טֶענְץ פוּן אַלֶע סָארְטְן אִידְן אוּן בָּחוּרִים, דִי חֲבֵרִים פוּן חָתָן וֶוערְן אָנְגֶעזֶען אִינְמִיטְן זַאל מִיט זֵייעֶרֶע קָאדַאטְשְׁקֶעס, אוּן אַלֶע סָארְטְן תְּנוּעוֹת פוּן פְרֵייד, זַיי הֵייבְּן דִי הֶענְט אוּן גְלַייךְ אַרָאפּ אִינַאֵיינֶעם, פַּאטְשֶׁעדְרֵייעֶן, רִינְגֶען, מֶען בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ אוּן גֶעשְׁווִינְד טַאנְצְן אַלֶע אוֹיף אַרוֹיף. נִישְׁט יֶעדְן טָאג שְׁפִּירְט מֶען דָא אִין זַאל אַזַא שִׂמְחָה.

פִּיוּוּל דֶער חַבְרוּתָא פוּן אוּנְזֶער חָתָן, יוֹסֵף, צֵייגְט אָן פַאר דִי חֲבֵרִים וֶועלְכֶע סֵדֶר מֶען טַאנְצְן הַיינְט,

המשך אויף זייט 12

דעם רבינ'ס ליכט ווינטשט א הארציגן מזל טוב פאר הר"ר שלמה פערקאוויטש וב"ב החשובה הי"ו
לרגל הולדת בתם למזל טוב. אין זכות פון די איבערמידליכע כוחות וואס מען לייגט אריין יעדן וואך
באזונדער למען הפצת דעם הייליגן גליון וכל ספרי רבינו, בפרט פאר די סיפורי מעשיות און די בחינות
א.א.וו זאלן ענק זוכה זיין צו פיל נחת דקדושה מכל יוצ"ח בזכות דעם הייליגן רבי'ן הנחל נובע מקור חכמה.
המערכת

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שמעון שפירא הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מרדכי יצחק קרויז הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מנחם ישראל ראטנבערג הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב